**י** דער, וואָס האָט ליבֿ [אַהֲבַת ה',
ג-טס ליבּע, ליבּע פוּן ה'] זיין בּרודער
[אין מָשִׁיחַ], בּלייבּט אין דעם ליכט,
און קיין מכשול [שטרויכלשטיין]
בּלייבּט נישט אין אים.
**יא** דער אָבּער, וואָס האָט שׂנְאָה
(פיינט) זיין בּרודער [אין מָשִׁיחַ], איז
אין דער חושך (פינצטערניש), און אין
חושך יִתְהַלֵּךְ (גייט אין דער חושך),
און האָט דַעַת (ווייסט) נישט וואוּ ער
גייט, ווייל דער חושך (די פינצטערניש)
האָט פאַרבּלענדט זיינע אויגן.
**יב** איך שרייבּ אייך, קינדערלעך, ווייל
די עֲבֵרוֹת זענען אייך פאַרגעבּן
געוואָרן צוליבּ זיין נאָמען (נִסְלְחוּ לָכֶם

חַטֹּאתֵיכֶם לְמַעַן שְׁמוֹ [זכריה ו, יב]).
**יג** איך שרייבּ אייך, אָבות, ווייל איר האָט דַעַת (קענט) אים, וואָס איז מֵרֵאשִׁית (פון אָנהייבּ אָן, מוֹצָאֹתָיו מִקֶּדֶם, מיכה ה, א). איך שרייבּ אייך, יוּנגעלייט, ווייל איר האָט מנצח געווען דעם בּייזן (שטן). איך האָבּ געשריבּן אייך, קינדער, ווייל איר האָט דַעַת (קענט) דעם פאָטער [ה' הָאָב דעם עַתִּיק יוֹמַיָּא].
**יד** איך האָבּ געשריבּן אייך, אָבות, ווייל איר קענט אים, וועלכער איז פון אָנהויבּ אָן. איך האָבּ געשריבּן אייך, יונגעלייט, ווייל איר זענט שטאַרק, און

ג-טס וואָרט בּלייבּט אין אייך, און איר האָט מנצח געווען דעם בּייזן (שטן).

**טו** האָט נישט ליבּ די וועלט [הָעוֹלָם הַזֶּה], אויך נישט די זאַכן, וואָס זענען אין דער וועלט. אויבּ עמעצער האָט ליבּ די וועלט [הָעוֹלָם הַזֶּה], איז די אַהֲבַת הָאָב (ליבּע פון דעם פאָטער [ה']) נישט אין אים.

**טז** ווייל אַלץ, וואָס איז אין דער וועלט [הָעוֹלָם הַזֶּה], די תַּאווה פון דעם פלייש ["פלייש" איז דעם "אַלטן מענטש" וואָס ווערט פאַרדאָרבּן דוּרך די תַּאוות פון אָפּנאַרעיי] ,און די תּאווה פון די אויגן, און דער גַאווה

(שטאָלץ) פון לעבּן, איז נישט פון הָאָב (דעם פאָטער, ה'), נאָר פון דער וועלט.
**יז** און די וועלט פאַרגייט, און איר תַּאווה; דער אָבּער, וואָס טוט דעם רצון פון ה', פאַרבּלייַבּט לָנֶצַח [אויף אייבּיק].
**יח** קינדער, עס איז די לעצטע שעה׃ און אזויווי איר האָט געהערט, אַז דער צוֹרֵר משיח (אנטי־משיח) קומט, אַזוי זענען איצט הִנֵּה אַ סך צוֹרְרֵי מָשִׁיח׃ דערפאַר ווייסן מיר, אַז עס איז די לעצטע שעה.

**יט** פון אונדז זענען זיי אַרויסגעגאַנגען, נאָר זיי זענען נישט געווען פון אונדז;

וואָרים אויבּ זיי וואָלטן געווען פון אונדז, וואָלטן זיי געבּליבּן מיט אונדז;